# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## מאכלי שבת

### קוגל נאך די פלייש

**די** מאכלי שבת האבן א סדר ווען מען עסט זיי, און דער מנהג איז אז פרייטאג צונאכטס עסט מען קודם דאס פלייש און דערנאך עסט מען פון דעם קוגל, ווייל דער פלייש איז דער עיקר מאכל. אבער שבת בייטאג עסט מען קודם די קוגל און דערנאך דאס פלייש, ווייל דער קוגל איז דער עיקר מאכל ביי די סעודה.

### עפל

**הרב** הקדוש בעל חידושי הרי"ם זצ"ל האט געזאגט אז ער האט בקבלה פון הרב הקדוש המגיד מקוזניץ זי"ע אז אויב א מענטש עסט ביי די סעודה פרייטאג צונאכטס עפל איז ער פארזיכערט אז ער וועט האבן פרנסה די קומענדיגע וואך. **חמדת צבי ויקרא ד' כ"ג**

**הרב** הקדוש רבי שלום קאמינקער זצ"ל איז אמאל געווען אין רימנוב, און דער רבי רבי מענדעלע האט אים מכבד געווען צו זאגן תורה שבת ביים טיש. אבער די קוואלן פון תורה זענען פלוצלינג פארהוילן געווארן פונעם קאמינקער רב, און ער האט זיך גארנישט געקענט דערמאנען.

**האט** דער רבי ר' מענדעלע געגעבן פאר דעם קאמינקער רב א שטיקל עפל, זאגנדיג דערביי: תַּפּוּ"חַ [עפל] איז נוטריקון 'תְּגַלּוּן פִּתְגָּמִין וְתֵימְרוּן חִדּוּשָׁא' - איר זאלט אנטפלעקן די רייד און זאגן חידושי תורה.

**ווי** נאר דער קאמינקער רב האט פארזוכט פון דעם עפל, האבן זיך פאר אים געעפנט די טויערן פון חכמה, און ער האט געגומען זאגן הייליגע דברי תורה. **זכותא דאברהם דף ק"ה**

### נישט צו פארזוכן פרייטאג צונאכטס די מאכלי שבת פון בייטאג

**טייל** מענטשן פירן זיך צו פארזוכן פרייטאג צונאכטס פון דעם קוגל אדער פונעם טשאלנט וואס מען האט אנגעגרייט אויף שבת בייטאג. אויסער דעם וואס על פי דין קענען זיין מערערע חששות, איז אויך משמע פון זוהר הקדוש אז מען איז דערמיט פוגם אין די מאכלי שבת וואס מען האט אנגעגרייט אויף בייטאג.

**איך** האב געהערט אז אמאל איז באקאנט געווארן פאר הרה"ק רבי יהודה הירש מסטרעטין זצ"ל אז די חסידים האבן טועם געווען פרייטאג צונאכטס פון דעם קוגל, האט ער זיי פארגעהאלטן דערויף, און זיי געזאגט אז צוליב דעם זענען זיי נישט געווען מיט אים בשעת'ן זאגן דעם קדושת כתר. **מיכלא דאסוותא אות צ'**

### דער טישטוך זאל בלייבן אויפ'ן טיש

**דער** רמ"א זאגט [סי' רס"ב] אז דער שבת טיש זאל בלייבן גאנץ שבת איבערגעדעקט מיט א טישטוך. דער משנה ברורה זאגט אז דער טישטוך זאל בלייבן אויפן טיש ביז נאך הבדלה.

**משנה ברורה שם**

### איבערלאזן שטיקלעך חלה אויף'ן טיש

**די** גמרא זאגט [סנהדרין צ"ב] רבי אלעזר זאגט: דער וואס לאזט נישט איבער ברויט אויף זיין טיש נאכן עסן, וועט קיינמאל נישט זעהן קיין סימן ברכה. רש"י איז מסביר, ווייל עס שטייט אין פסוק [מלכים ב', ד' מ"ג] כִּי כֹה אָמַר ה' אָכֹל וְהוֹתֵר - אזוי האט השם יתברך געזאגט, זיי וועלן עסן און וועלן איבערלאזן.

**שטייט** פון האריה"ק אז מען זאל איבערלאזן אויף די טיש שטיקלעך חלה וואס זענען איבער געבליבן פון די סעודה, ביז צו די סעודה פון שבת בייטאג, ווייל דאס איז א סגולה משפיע צו זיין פרנסה און א ברכה אויף א גאנצע וואך.

**מובא בשבט מיהודה**

# מאכלי שבת

**ביי** דעם זמר פון צור מִשֶּׁלּוֹ אָכַלְנוּ זאגן מיר 'שָׂבַעְנוּ וְהוֹתַרְנוּ כִּדְבַר ה'" - מיר זענען זאט געווארן, און מיר האבן נאך געהאט גענוג צו איבערלאזן פון די שפייז, אזוי ווי עס איז דער באפעל פון השי"ת. **לכאורה** איז שווער, ווי טרעפן מיר דאס אז השם יתברך זאל אונז האבן באפוילן אז מיר זאלן איבערלאזן פון די מאכלי שבת?

**נאר** עס קען זיין אז זאט ווערן איז א מצוה צוליב עונג שבת, און וויאזוי קען מען דערקענען אז מען איז זאט געווארן, נאר אויב עס בלייבט איבער פונעם שפייז אויפן טיש, וואס דאס ווייזט אז מען איז מער נישט הונגעריג און מען דארף נישט מער. **טעמי המנהגים**

## לערנען נאך די סעודה

**הגה"ק** בעל ילקוט אליעזר מפאקש זצ"ל איז אמאל געווען אויף שבת אין צאנז. פרייטאג צונאכטס איז ער געווען ביים טיש פונעם צאנזער רב זי"ע, און מען איז געזעסן אן ערך פון צוויי דריי שעה און ער האט גארנישט געזען אדער געהערט פון הרב הקדוש מצאנז, ווייל דער צאנזער רב איז געזעסן מיט פארמאכטע אויגן און עס האט אויסגעזען ווי ער שלאפט.

**האט** דער פאקש'ער רב אנגעהויבן נאכצוטראכטן אויף דעם דרך, ווייל זיין טאטע און זיינע רבי'ס פלעגן אין די שעות פון פרייטאג צונאכטס לערנען הלכות שבת אדער הלכות ערובין, און די משנה זאגט דאך אז וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כּוּלָּם - דער שכר פון תורה לערנען וועגט איבער אלע מצות.

**אזוי** טראכטנדיג דאס אין זיין הארץ האט דער צאנזער רב א געשריי געטאן: הא הא! אונגארישער רב, איר וואונדערט זיך אויף דעם וואס מיר פירן זיך אזוי, איר קלערט צו עס וואלט דען נישט געווען בעסער ווען אין די צייט לערנען מיר פון עניני שבת, לערנען רמב"ן אויף די פרשה, אדער מגן אברהם הלכות שבת, אדער אפשר הלכות ערובין, ווי איידער צו זיצן דא און דרימלען.

**איך** וועל אייך זאגן: ביי די קעניגן, ווען דער קעניג וויל צייגן זיין קייזערליכן פראכט און זיין גרויסער מאכט אויף דער וועלט, ווארפט דאס א גרויסער שרעק און א פארטומלונג אויף זיינע קנעכט. דאס שיינקייט פון דעם קעניג, ווען ער זיצט אויף זיין קעניגליכן שטוהל מיט א לוסטיגקייט און פרייליכקייט, ארומגענומען מיט שטארקע מיליטערלייט וועלכע זענען אנגעגארטלט מיט שווערדן אין זייערע הענט, ווארפט א גרויסער שרעק און ציטער אויף דעם וואס זעהט דאס, אזש מען קען נישט עפענען דאס מויל צו בעטן פון דעם קעניג צוליב די גרויסער שרעק.

**דערפאר** איז דער סדר אז איידער מען גייט אריין צום קעניג, גייט מען קודם דורך פארשידענע צימערן, וואס אין יעדן צימער איז פארהאן א בילד פונעם קעניג, און יעדער וואס גייט דורך זעהט דאס געשטאלט פון דעם קעניג און באטראכט דאס עטליכע מינוטן, אזוי אז מען זאל נישט אזוי שטארק מורא האבן אין די צייט וואס מען וועט זעהן דאס שיינקייט פון דעם קעניג.

**עס** מאכט זיך איין טאג אז דער קעניג האט גערופן איינעם אויף אן אודיענץ, דער קעניג וויל מיט אים רעדן. דער מענטש קומט אן צום פאלאץ, ער גייט דורך יעדן צימער און ער באטראכט די אלע בילדער פון דעם קעניג. אין יעדן שטוב האט דאס בילד אויסגעזען אנדערש, כדי ער זאל זיך לערנען אלע מידות פון דעם קעניג.

**אזוי** באטראכטנדיג א לענגערע צייט די אלע בילדער האט ער פארשפעטיגט מיט עטליכע מינוטן זיין אודיענץ ביים קעניג. דער קעניג, וואס האט געווארט אויף דעם מענטש צו די פונקטליכע צייט, איז געווארן אין צארן אויף דעם מענטש, פארוואס ער קומט נישט צו אים אין די באשטימטע צייט וואס ער האט געדארפט קומען.

**ווען** דער מענטש איז אנגעקומען האט דער קעניג געשריגן אויף אים אויף דעם וואס ער האט געדארפטווארטן אזוי לאנג.

**האט** דער מענטש געענטפערט דעם קעניג: אדוני המלך, איך שווער זיך אז ווען איך האב באטראכט דיינע בילדער דא אין די אנדערע צימערן, ווען איך האב דערזעהן דאס זיסקייט פון דיין געשטאלט, האב איך זיך נישט געקענט פון זיי אפשיידן.

**דאס** זעלבע, פירט אויס דער צאנזער רב זי"ע, וואלט איך יעצט געדארפט זיך טיילן פון דא און גיין עוסק זיין און לערנען תורה, אבער איך האב זיך פארטראכט אין דעם שבת קודש וואס איז דיין צורה, השם יתברך, ווי אזוי קען איך זיך טיילן דערפון, עס איז מיר זייער שווער זיך אפצוטיילן פון דעם שבת קודש.

**שבת בית רופשיץ**